(1909) I דאָס נייע לעבן



אָדער פון דעם אסימילאַטאָרישען סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם צום „בונדיזם“, איז דאס ניט געווען בלויז א „פּלפּול“ „טרוקענע טעאָריעס“, נאָר א טיעפע איבערלעבונג, וועלכע האָט בעוועגט אַלע כחות פון דעם אידישען גייסט, אַלע אוצרות פון דער אידישער נשמה, איהר צער און איהר צאָרן.

„כאַראַקטעריסטיש איז אין דיזער בעציהונג, זאָגט דער ח׳ עפרען, וואָס אין דער נייער אידישער ליטעראַטור וועט איהר זעלטען געפינען דעם אידישען סאָציאַליסט אַלס א פּסיכאָלאָגישען טיפ“. מען מוז געדענקען, אַז מיר שטעהען נאָך זעהר נאָהענט צו יענער עפּאָכע, מיר זעהען נאָך איהרע העלדען מיט אַלע קליינינגקייטען און קליינליכקייטען, מען מוז אָבטרעטען אויף א געוויסער היסטאָרישער שטרעקע, כדי צו בעקומען די מעגליכקייט בעטראַכטען יענע עפּאָכע אין איהר ריכטיגער בעלייכטונג, אין דער ליכט פון היסטאָרישען פּערספּעקטיוו. און איך בין זיכער, אַז דער אידישער סאָציאַליסטישער קעמפּפער וועט שוין ניט לאַנג דאַרפען וואַרטען אויף זיין דיכטער, וועלכער וועט איהם שילדערן אין מעהר פּאַסענדע און צוציהענדע פאַרבען, אַלס ח׳ עפרען.

אין איין הינזיכט איז גערעכט דער ח׳ עפרען. מיר קענען ניט אונזער איינענע געשיכטע. דערויף זענען פאַראַן כמה וכמה טעמים, און דער גרעסטער פון זיי איז דער, וואָס מיר האָבען פשוט ניט קיין פּאָפּולערע פאָלקס־געשיכטע. ניט יעדער מענש האָט די מעגליכקייט זיך אוועקזוצעזן שטודירען די טויזענדער זייטען פון גרעטץ׳ס ווערק, וועלכע איז נאָך ראַצו געשריבען און איבערגעזעצט אויף פרעמדע שפּראַכען פאַר די אידישע מאַסען. פון דעם דאָזיגען ביטערען אמת, אַז אונזער היסטאָריע איז אונז אונבעקאַנט, קאָן מען ניט אוועקגעהן און ניט איהם אוועקמאַכען מיט דער האַנד. מען טאָר אָבער אויך ניט איבערשאַטצען זיין בעדייטונג אויף דעם ציוניסטישען שטייגער. אַז די ציוניסטען פלעגען קומען צו די מאַסען און זיי דערצעהלען, אַז מיר האָבען א רייכע געשיכטע מיט בר כוכבא׳ס און מכביער, און דאַביי פלעגען זיי באַשווערען די מאַסען ניט נעהמען קיין אַנטייל אין רוסישען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף, ווייל דאס איז ניט אונזער עסק און ניט אונזער געשיכטע, פלעגען מיר אין דער היץ פון דער פּאָלעמיק אָבענטפערען די ציוניסטען: „מיר ווילען ניט ל ע ר נ ע ן די געשיכטע, מיר האַלטען פאַר בעסער מ אַ כ ע ן די געשיכטע, מיר ווילען אַליין ווערען מכבי׳ער“. פערשטעהט זיך, אַז דיזער ענטפער איז געווען א איבערגעטריבענער, וועלכער איז צו ערקלערען דורך דער שאַרפער פּאַרטייער פּאָלעמיק. דאָך ליעגט אין דיזען ענטפער א שטיק רעוואָלוציאָנערער אמת. מען דאַרף קענען דעם עבר, ניט כדי צו מאַכען פון איהם אַן אָבגאָט, נאָר כדי צו וויסען, ווי צו רעפאָרמירען די געגענוואַרט און רעוואָלוציאָנירען די צוקונפט. און אַז איך הער, ווי דער ח׳ עפרען מאַכט פון אונזער אינהאַלטסרייכע געגענוואַרט קיין גרויסען פּירוש ניט, ווען אין דער געגענוואַרט זעהט ער נאָר „טרוקענע טעאָריעס“ און „פּלפּול׳ן“ און ווייזט אונז אָן אויף דעם עבר, אין וועלכען מיר דאַרפען, נאָך זיין מיינונג, זוכען „נייע קוואַלען“, דאַן טראַכט איך מיר, אַז דאָמיט גיסט ער וואַסער אויף



דער ציוניסטישער מיהל. און דאַריבער זאָג איך, דאס איז שוין קיין זעלבסט־קריטיק מעהר, דאס שמעקט שוין מיט זעלבסט־מאָרד. איך בעגרים די זעלבסט־קריטיק, וואָרים איך בין גאָר ניט אזא פערברענטער חסיד, איז זאָל נאָכזאָגען „כאָם“ נאָך יעדער וואָרט פון דעם סאָציאַליסטישען רבי׳ן, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מיר האָבען בעגאַנגען א סך פעהלער, וועלכע מע מוז אונ׳ברחמנות אויפרעקען. איך וואָלט אָבער געוואָלט פאַרהיטען פון דעם געפעהרליכען נעבענליגענדען וועג־צו זעלבסטמאָרד סיי דעם ח׳ עפרען, סיי די אַנדערע חברים, וועלכע פערנעהמען זיך יעצט מיט „שנוי הערכין„ מיט דער אומווערטונג פון די אידיש־סאָציאַליסטישע ווערטהען.

# קריטיק און ביבליאָגראַפיע

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

## שלום אש׳ס „אין א קאַרנאַוואַל נאַכט“ און ל. שאַפּיראָ׳ס „דער צלם“ *)

די צוויי דערצעהלונגען פון אַש און שאַפּיראָ „בעטען זיך“ ממש, מען זאָל זיי פערגלייכען.

ביידע זענען זיי, ערשטענס, שטאַרק און טאַלענטפאָל געשריבען; זיי געהערען ביידע אָהן שום ספק צו די בעסטע פּערלען פון דער ניי־אידישער ליטעראַטור.

די ניי־אידישע ליטעראַטור איז שוין, ברוך השם, ניט אָרעם אין טאַלענטפאָלע קינסטלערישע פּראָדוקטען, און דער וואָס ליעבט זי קאָן געוויס שעפּען פיעל נחת פון איהר וואוקס און פאַנאַנדערבליהען־זיך. אָבער איך האָב אָפטמאָל בעמערקט, אַז א סך אידישע זאַכען, וואָס האָבען מיך ענטציקט ביים לייענען, פלעגען פלוצלונג אין גאַנצען ווערען בלאַס און פערליערען זייער חן, ווי נאָר איך פלעג אין געדאַנקען אריינשטעלען זיי צווישען די ניט אידישע קונסט־געמעלדען, אפילו צווישען די ניט גאָר פון דער העכסט קינסטלערישער מדרגה. עס פלעגט דערביי בולט אַרויסטרעטען דער קאָנטראַסט צווישען דער אידישער און ניט אידישער קונסט, און עס פלעגט מיר ווערען קלאָר, אַז א טייל פון מיין התפעלות האָט געשטאַמט ניט אַזוי פון דעם עסטהעטישען גוסט, ווי פון דער ליעבע צו דער אידישער שפּראַך און צו דער אידישער ליטעראַטור. מיר פלעגט זיך דערביי

*) זעה: שלום אַש, „אין אַ קאַרנאַוואַל נאַכט“, אין דעם היינטיגען העפט פון אונזער מאָנאַטשריפט, און ל. שאַפּיראָ: „דער צלם“ אין „דאס נייע לעבען“, העפט 6.

אויסדרוקטען, אַז פערגלייכען זיי מיט די פּראָדוקטען פון דער ניט אידישער ליטעראַטור האָט אַקוראַט אַזאַ זין, ווי ווען איך וואָלט וועלען פערגלייכען די חכמה פון אַ געראָטענעם קינד מיט די שכל'דיגע ווערטער פון אַ דער־וואַקסענעם.

נאָר זעהר וועניג שריפטשטעלער און ווערק קאָנען אויסהאַלטען אַזאַ פערגלייך. און די צוויי דערצעהלונגען, וועגען וועלכע מיר רעדען, געהערען צו זיי. זיי טראָגען אויף זיך די סמנים פון אַן אויסגעוואַקסענער ליטעראַטור. די טעכניק איז ביי זיי אַ זיכערע און פרייע; די בילדער און שילדערונגען זענען קלאָר און בולט. דאס זענען ניט קיין אַקוואַרעלען, ניט קיין „וואַסער־פאַרבען־שטודיען“, ווי דאס רוב אידישע סקיצען. אַש און שאַפּיראָ גע־ברויכען דאָ, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, „פייער־פאַרבען“, וואָס ברענען אריין דאס געמאָלטע אין מוח און אין האַרץ. און ווי אמת קינסט־לערישע געמעלדען, רופען זיי אַמאָל אַרויס דעם איינדרוק, אַקוראַט ווי אַרום זיי וואָלט זיך אַרום געטראָגען אַ גאַנצער שוואַרם פון געראַנקען, וואָס זענען אפשר ניט קלאָר געווען דעם קינסטלער אַליין, וואָס האָבען אָבער דאָך אונבעוואוסט זיך גערירט און גערודערט אין זיין נשמה, וואָס זענען אַרויסגעשטראָמט אין איינעם מיט דער ארבייט פון זיינע פינגער, און זענען געבליבען הענגען אַרום דעם בילד.

און די טהעמען, וועלכע זיי בעהאַנדלען, זענען לעבענס־וויכטיגע. דאס איז דער צווייטער פּונקט אין דעם פערגלייך. דאָ ווערען ניט גע־שילדערט די אַלטעגליכע קלייניגקייטען פון די אַלטעגליכע קליינע מענשעלעך פון דער אינטעליגענץ און פון דעם פאָלק. דאס איז ניט אַ מיקראָסקאָפּישע וועלען־שטודיע, וואָס איז איטצטער געוואָרען אַזוי בעליעבט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, ניט אַ טראָפּען נשמה, אונטערגעשטעלט אונטער אַ גרויס־גלאָז, כדי צו דערזעהע און צו שילדערן די מיליאָנען קלייניקע ווערעמלעך און שלאַנגעלעך, וואָס ווידמען זיך אין איהר, וועלכע מען וואָלט מיט אַ פּשוט'ען געזונדען אויג קיין מאָל ניט בעמערקען, ווי מיר בעמערקען ניט די „ווערעמלעך“ און „שלאַנגעלעך“ אין דעם פרישען געזונדען שטראָם־וואַסער, וואָס מיר טרינקען. ס'איז דאָ אַ סברה, אַז די מאָדערנע ליטע־ראַטור האָט זיך דערפאַר גענומען פאַר די ווערעמלעך און שלאַנגעלעך (וואָס וואַקסען אויס אין דער געמעלעכץ צו מאוים'דיגע פּיפּערנאָטערס), ווייל אַלע „פּשוטע“ פּראָבלעמען פון דער מענשליכער נשמה זענען אויסגעשעפּט געוואָרען און אַנדערס ווי מיט אַ מיקראָסקאָפּ קאָן מען שוין אין איהר קיין „נייס“ ניט געפינען. איך ווייס ניט, צו דאס איז אין גאַנצען אמת. מיר דוכט, אַז די גרויסע פערענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דעם לעבען פון די מענשען אין דעם נייינצעהנטען יאהרהונדערט, האָבען געמוזט אַזוי איבעראַנדערשען דעם מענשען'ס נשמה, געמוזט אַרויסרופען אַזעלכע טיעפע און וויכטיגע קאָנפליקטען, וואָס וואָלטען געגעבען גענוג שטאָף פאַר קינסטלערישע בעאַרבייטונג, ווען דער מאָדערנער קינסטלער וואָלט באמת געלעבט מיט דעם לעבען, וואָלט באמת געאָטהעמט די לופט פון דעם היסטאָרישען טאָג און ניט די לופט פון דעם נאַכט־קאַפע־הויז



אין דער נאַכט־שטראָס. אָבער לאָמיר לאָזען די מאָדערנע אייראָפּעאישע קינסטלער אָן אַ זייט. אין דעם אידישען לעבען, וואָס אין איהם האָט מען זיך נאָך אַזוי וועניג קינסטלעריש פערטיעפט, פעהלען געוויס ניט קיין טהעמען פאַר געזונדע מענשליכע אויגען. בפרט אין דער לעצטער צייט, ווען אַזוי פיעל פערשידענע קרעפטע האָבען זיך גענומען צונויפשטויסען אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם אידען, ווען אַזוי פיעל פערשיעדען־אַרטיגע פעדים האָבען זיך גענומען צונויפפלאָנטערען און צונויפקניפּלען אין איהר, ווען דאס געשיכטליכע לעבען פון אונזער פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיעל טיעפע, שעהנע און הערלאַישע קאָנפליקטען, איז באמת אַ גרויס וואונדער, וואָס אונזערע אידישע דיכטער און קינסטלער זענען אַזוי וועניג אריין געדרונקען אין זיי. דער אַסקעטיזם פון דער אַלטער אידישער קלויז און די אויסגעלאַסענע לעבענס־שכרות פון דער היינטוועלטיגער גאַס, דאס צופאַלען פון אַלע אַמאָליגע גרונד־פעסטען און דאס אונבעוואוסטע בויען פון נייע נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען; די בענקשאַפט נאָך נאַטור און שעהנקייט, נאָך גאַנצקייט און פריעדען אין דער נשמה און די צוגעבונדענ־קייט צו דער שטאָדט מיט איהר שטויב און שמוץ, אָבער מיט איהר אויביגען, אַלע שמערצען פערטויבענדען ליאַרעם; דער אויפגעוועקטער סקעפּטיציזם פון אַ שאַרף־געשליפענעם מוח אין איינעם מיט דעם ברענענדיגען דאָרשט נאָך אַ רעליגיעזען גלויבען; די רעוואָלוציאָן און דער ציוניזם; דאס ווע־לען איינשלינגען די גאַנצע גייסטיגע וועלט פון דער גאַנצער מענשהייט און דאס וועלען אַנטלויפען פון איהר אין די אייגענע פיער ווענד און דאָרטען אין איין דור אויפבויען נאָך אַ שעהנערע גייסטיגע וועלט, עהדער די, וואָס די גאַנצע מענשהייט האָט מיט אַזוי פיעל מיה און פּיין אויסגע־בויט אין אַ משך פון דורות, — גאָט מיינער! נישיים הערען אונזערע קינסטלער ניט דער גערודער אין דער מאָדערנער אידישער נשמה, נישיים זעהען זיי ניט די אָפּטמאָל קאָלאָסאַלע געשטאַלטען, וואָס דאס מאָדערנע אידישע לעבען ברענגט אַרויס, וואָס אויך זיי — די קינסטלער מיין איך — מוזען זיך כאַפּען צום מיקראָסקאָפּ און נאָכיאָגען זיך נאָך ווערעמלעך און שלאַנגעלעך! שלום אַש'ס און שאַפּיראָ'ס דערמאָהנטע דערצעהלונגען זענען, יעדע אויף איהר אַרט, אַן אָבקלאַנג פון יענעם זעעלען־גערודער אין אונזער נשמה, דער ערשטער פערזוך אריין צו טהאָן זיך אין די טיעפסטע פּראָבלעמען פון דעם מאָדערנעם אידישען לעבען.

און *קוראַזש* האָבען זיי ביידע, אַש און שאַפּיראָ, יענעם קוראַזש פון מענשען מיט אייגענע קעפּ אויף די אַקסלען, וואָס האָבען קיין מורא ניט צו שווימען אַנטקעגען דעם שטראָם: אַש מיט זיין פערהערליכונג פון קריסטוס און מאַריאַ, שאַפּיראָ מיט זיין אָנפאַל אויף אונזער איבערגעבענ־קייט צו דער רעוואָלוציע.

און אויך דער פּונקט, אַרום וועלכען עס דרעהט זיך זייער טהעמאַ, איז כמעט איין און דערזעלביגער: *מיר און דער צלם!* די אידישע וועלט און די גוי'אישע. דאס בעגעהן זיך פון דער גוי'אישער וועלט צו אונז, אונזער בעגעהן זיך צו איהר.

עס וואָלט הייסען צו פיעל פערלאַנגט, וואָלט מען ערוואַרט, אַז אין צוויי קליינע דערצעהלונגען זאָלען אפילו מעהר נישט ווי אָנגעטייט ווערען אַלע זייטען, אַלע אָבגרונדען פון יענעם טיעף טראַגישען פּראָבלעם, וואָס דויערט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר. מיר קאָנען זיין צופריעדען, וואָס דאָס פּראָבלעם איז איבערהויפּט אַוועק-געשטעלט געוואָרען אין דער אידישער ליטעראַטור און אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַזאַ'ן אופן, אַז אין אונז דערוועקט זיך די אַהנונג פון זיין גאַנצער גרויס.

אָבער ווי פערשיעדען זענען די רעזולטאַטען, צו וועלכען די ביידע קינסטלער זענען געקומען! ווי ענטגעגענזעטצט די ענטפערס, וועלכע ביידע גיעבען אויף דעם צלם־ פּראָבלעם!

שאַפּיראָ'ס ענטפער איז אַ ריין נאַציאָנאַלער, דיקטירט פון אַן אונענדליכען האַס צו דעם צלם. אַש'ס ענטפער קאָן מען אָנרופען אַן אַלגעמיין מענשליכען. ער איז פול מיט סליחה ומחילה, מיט מענשליכען טרויער פאַר דעם פערפאָלגער און דעם פערפאָלגטען.

לאָמיר אָנהויבען מיט שלום אַש.

רעדט מען וועגען דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור, וועגען דעם אַלגעמיין־מענשליכען פּראָגרעסס, פערגעסט מען אָפט, אַז בעצם איז די קולטור און דער פּראָגרעסס ניט קיין פּראָדוקט פון דער גאַנצער מענשהייט, מיט אַלע איהרע האָטענטאָטען, בושמענער און אפילו כינעזער. דער פּראָגרעסס און די ציוויליזאַציאָן, אין וועלכער מיר לעבען, צוליעב וועלכער עס לעבען די בעסטע קינדער פון דער מענשהייט, איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון אַ קליינער גרופּע פעלקער, וואָס זענען עד היום די טרעגער פון דער אַלגעמיין־מענשליכער ענטוויקלונג. דאָס איז די גרופּע א י ר אָ פּ ע א י ש ע פעלקער, וואָס האָבען אויסגעאַרבייט די א י ר אָ פּ ע א י ש ע ציוויליזאַציע. פערשידענע קולטור־וועלטען, בעשאַפען פון פערשידענע פעלקער, האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין יענעם ציוויליזאַציאָנס־שטראָם, וואָס הויבט איטצטער אָן צו פערפלייצען די גאַנצע וועלט, דאָס איז, ערשטענס, די גריעכיש־רעמישע קולטור־וועלט, צווייטענס, אַ טייל פון דער קולטור־וועלט פון דעם אידישען פאָלק, פון זיין אָנהויב היסטאָרישען שאַפען ביז צו דעם מאָמענט, ווען די קריסטליכע קירכע האָט זיך אָבגעריסען פון דער סינאַגאָגע, און, דריטענס, די גערמאַנישע וועלט. די דריי וועלטען האָבען אין איינעם אַרויסגעבראַכט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, וואָס האָט אויפ'ן שטעל אָנגענומען די פאָרם פון קריסטענטהום, און קריסטענטהום איז געבליבען איהר רעליגיעזע פאָרם ביז אויף דעם היינטיגען טאָג. די קריסטליכע וועלט אַנשויאונג, די קריסטליכע לעגענדעס, די שעהנע אויסגעקלעהרטע מעשות און ווירקליכע פּאַסירונגען פון קריסטליכע העלדען, די קריסטליכע צערעמאָניעס, מנהגים און אינסטיטוציעס פערנעהמען דעם גרעסטען פּלאַץ אין דעם גייסטיגען אוצר פון דער מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט און לעגען אַרויף זייער שטעמפּעל אויף יעדען געבאָרענעם קריסט; אפילו אויף דעם פריידענקער און אַטהעאיסט.

אין אַט דער וועלט, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט גריעכיש־רוימישע, גערמאַנישע, ביבלישע און קריסטליכע טראַדיציעס, בילדער און שטימונגען, לעבט דאָס אידישע פאָלק שוין באַלד אַ טויזענד יאָהר. זי איז דעם אידען כמעט אין גאַנצען פרעמד. זיין שטעלונג צו איהר איז אַ פיינדליכע, פיל מיט שפּאָט און האַס. אויף די גריעכיש־רעמישע געטער־וועלט און איהרע טראַדיציעס קוקט ער פון אויבען אַראָב. ער זעהט אין איהר נישט מעהר ווי אַ קינדער־שפּיעל און „ליאַלקעס", אָדער אַ צולאָזענקייט פון שעהנע שכרות און זנות. די גערמאַנישע וועלט, מיט איהר מעכטיגער און טיעפער טראַגיק, וואָס אַ וו אַ ג נ ע ר איז קוים וואָס אימשטאַנד אויסצודריקען אין מוזיקאַלישע קלענג, איז דעם אידען לגמרי פרעמד, און די קריסטליכע וועלט, מיט איהר גאַנצער הייליג־שווערליכער שעהנקייט, איז אין זיינע אויגען אַ ו מ וו ע ר ד י ג, ווי אַ פערפעסטעטע נבלה.

וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק אַנשטאָט דעם אַלעם? עס האָט אין גלות אויסגעאַרבייט ז י י ן וועלט, די וועלט פון תלמוד און מדרש, פון שולחן־ערוך און פלפול, פון קבלה און חסידות. נאָר אין איין פונקט קומען זיך די צוויי וועלטען צונויף: אין די ביבלישע געשטאַלטען און שטימונגען. אָבער אויך זיי זענען דורכאויס פערשיעדען ביי דעם אידען און דעם קריסט, ווייל זיי האָבען זיך געמוזט צופּאַסען צו דעם פערשידענעם אוצר פון די צוויי וועלטען. די ביבלישע העלדען, די אבות, די נביאים, די שופטים, די מלכים זענען אין אונזערע אויגען ניט דאָס, וואָס זיי זענען אין די אויגען פון דער קריסטליכער וועלט, ניט דאָס, וואָס זיי זענען געווען אין דער ווירקליכקייט: זיי זענע ביי אונז געוואָרען פרומע רבנים און רייכע אידישע סוחרים.

אַט די צוויי, אַזוי פערשיעדענע וועלטען, די אידישע און די קריסטליכע, לעבען אונטער איין דאַך, זענען געצוואונגען נאָך אַ סך יאָהרען צו לעבען אין איינעם און מוזען זעהען ווי אויסצוקומען צווישען זיך. אויף אַ ווײלע, אין דעם סוף אַכטצעהנטען און ערשטער העלפט פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די ניי־אויפגעקומענע ריין־וו ע ל ט ל י כ ע ציוויליזאַציע, מיט איהר פרייער קריטיק פון אַלע רעליגיעזע דאָגמען און טראַדיציעס, מיט איהרע וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע פאָרשונגען, מיט איהרע פּאָליטישע און סאָציאַלע קעמפּפען און אידעאַלען, וועט אָבמעקען פון זכרון די ביידע אַלטע וועלטען און בעשאַפען אַ שפּאָגעל־נייעם, בשותפות'ען באָדען פאַר אידען און קריסטען. דער וואָלטעריאַנישער וויטץ וועט טויטען קריסטוס'ען אַזוי גוט ווי משיח'ן, בעגיסען מיט גרינע גאַל דעם הייליגען ניקאָלאוס אַזוי גוט ווי ר' ישראל בע"שט. פריי פון דער פערגאַנגענהייט, וועט די ציוויליזירטע מענשהייט אין דער געגענוואַרט פאַרבערייטען די צוקונפט. דאָס האָט זיך אָבער נאָר אויסגעדוכט אויף אַ ווײלע. די שוין טויט געמיינטע פערגאַנגענהייט איז נאָך אַ קליינעם פעריאָד פון טומאה און גלייכגילטיגקייט ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים, אין איין אַנדער פאָרם, אָבער מיט דעם זעלביגען אינהאַלט. די מענשהייט לעבט ניט נאָר אין דער געגענוואַרט און פאַר דער צוקונפט. איהר לעבען איז איין איינציגער ג ע ש י כ ט ל י כ ע ר

פּראָצעס, אין וועלכען דער נעכטען, דער היינט און דער מאָרגען זענען נאָר איינצעלנע גליעדער, וואָס מען קאָן ניט פאַנאַדעררייסען. מיר לעבען איבער אין דעם היינט די ערינערונג פון דעם נעכטען און די האָפנונג אויף דעם מאָרגען. און אויב עס איז אונז בעשערט ארויף צו כאַפּען זיך אויף' רעם קולטור־געשיכטליכען וועג פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער מענשהייט, — אַלײן איינס, וואו מיר זאָלען ניט לעבען: אין גלות אָדער אין אָן אייגענעם לאַנד, — וועט פאַר אונז נויטיג זיין אריינצונעהמען אין זיך ניט נאָר די זאָרג פון איהר היינט, ניט נאָר די האָפנונג אויף איהר מאָרגען, נאָר אויך די גאַנצע ערינערונג פון איהר נעכטען. ס'פערשטעהט זיך, אַז איבערנעהמען הייסט ניט נאָך־קאָפּירען, עס הייסט א י ב ע ר א ר ב י י ט ע ן, עס הייסט צונויפגיעסען מיט א ו נ ז ע ר נעכטען, היינט און מאָרגען אזוי, אַז פון די ביידע וועלטען זאָל ווערען איין גאַנצעס. איז דאס מעגליך? קאָנען די צוויי פיינדליכע וועלטען צונויפגעגאָסען ווערען? מוזען ניט דערביי ארויספאַלען שטיקער פון דער איינער אָדער דער אַנדערער, וואָס קאָנען בשום אופן ניט הויזען, איינס מיט דעם אנדערן? וואָס זאָל זיין דער מאַסשטאַב מיט וועלכען מען זאָל מעסטען די איינצעלנע טהיילען פון ביידע וועלטען? זאָל דאס זיין דער א י ד י ש ע ר מאַסשטאַב, דער תלמוד־מדרש־חסידישער, מיט וועלכען מיר זאָלען אָבשאַצען די ווערטהען פון דער קריסטליך־ציוויליזירטער וועלט? אָדער פערקעהרט: זאָל די קריסטליך־ציוויליזירטע וועלט זיין דער ריכטער איבער אונזער גאַנצען אוצר פון דער פערגאַנגענער צייט? אָדער עס זאָל זיך אויסארבייטען א נייער מאַסשטאַב, וואָס זאָל שטעהן העכער פאַר די ביידע וועלטען? — א הארבע שאלה, אויף וועלכע עס איז איצטער זעהר שווער צו געבען א קלאָרען, שאַרף פאָרמולירטען ענטפער. דערווייליע זעהען מיר, אַז די גרעסטע מענשען פון דעם אידישען פאָלק, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער איצטיגער מעריב־איראָפּעאישער ציוויליזאַציע, האָבען אויסגעקליבען די קריסטליך־ציוויליזירטע וועלט פאַר דעם מאַסשטאַב פון אונזער גאַנצער קולטור, פון אונזער פערגאַנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט. אונזער פערגאַנגענהייט לעבט אָב און אָט דעם אויפלעבונגס־פּראָצעס וועט שוין קיין „אפיקורס" ניט קאָנען מעהר אויפהאַלטען; אָבער זי לעבט אָב ניט אין איהר פריהערדיגער געשטאַלט. זי געהט דורך דורך א קריטישען לייטערונגס־פייער, און אָט דער לייטערונגס־פייער איז אריבערגענומען פון דער קריסטליך־ציוויליזירטער וועלט. אונזער ירושה פון די אַלטע דורות מעג זיין ווי גרויס און רייך, קאָנען מיר ניט קוקען אויף איהר מיט די אויגען פון די אַלטע, ביי וועמען יעדער פשט'ל, יעדער קונציגער דרשה פון דעם אידישען מוח האָט ארויסגערופען ענטציקען און התלהבות. מיר מעסטען אָב און וועגען אָב אַלץ, וואָס מיר געפינען אין די אוצרות פון דער אַלטער אידישער קולטור, מיט דער מאָס און דער וואָג פון דעם א ל ג ע מ י י ן מ ע נ ש ל י כ ע ן א י ד ע א ל, ד. ה. דעם אידעאַל פון די מעריב־איראָפּעאישע קריסטליכע פעלקער, וועלכען אויך מיר האָבען געהאָלפען אויסבויען (און שטאַרק געהאָלפען) דורך אונזער ביבעל און די ערשטע צייטען פון



דער א י ד י ש ־ קריסטליכער קירכע. מיר מעגען ווערען ווי נתפעל פון די רייכקייטען, וואָס מיר געפינען אין אונזער אַלטען אוצר, מיר מעגען זיין ווי זיכער אין אונזער גלויבען, אַז די פון אונז אויסגעגראָבענע עשירות וועט בערייכערען די גאַנצע מענשליכע קולטור מיט נייע ווערטהקייטען, — דעם ו ו ע ר ט ה־מאָס האָבען מיר אריבער גענומען פון דער מאָדערנער קריסטליכער ציוויליזאַציאָן.

ביי די פון אונזער פאָלק, וואָס האָבען געהאַט א ריין אידישע חדר־אָדער ישיבה־ערציהונג, שטויסט זיך אָן די קריסטליכע טראַדיציע אָן דעם געפיהל פון אומווערדיגקייט, מיט וועלכען ביי אונז איז ארומגערינגעלט אַלץ, וואָס ס'איז קריסטליך. זי שטויסט זיך אָן און ווערט צוריקגעשטויסען און נאָך אין די שפּעטערע יאָהרען קאָן אפילו דער געבילדעטסטער איד ניט אין גאַנצען פריי ווערען פון אָט דעם געפיהל, וואָס ווערט ביי מאַנכע נאָך מעהר פערשטאַרקט דורך דעם האס צו יעדער רעליגיע. אפילו שוין גאָר אין די עלטערע יאָהרען האָב איך בעמערקט אין זיך אָן אונבעוואוסטע אונצופריעדענקייט מיט יענע שטעלען אין דער איראָפּעאישער ליטעראטור, וואו עס ווערען בעשריעבען הייליגע שטימונגען, ארויסגערופען פון דעם קריסטליכען רעליגיעזען לעבען. עס האָט זיך מיר אונבעוואוסט אויסגעדרוכט, אַז די ליעבעפאָלע בעשרייבונג פון קלויסטערס, קירכען, קריסטליכע צערעמאָניעס זענען מיט א כיון אוועקגעשטעלט געוואָרען פון דעם מחבר א י ן א פ אַ ל ש ע ן ל י כ ט. ערשט דער ש כ ל האָט זיך געמוזט אריינמישען אין דאָס געפיהל און לערנען איהם דרך־ארץ... און נאָך גאָר ניט לאַנג, לייענענדיג אין מ אַ ט ע ר ל י נ ק ס לעגענד וועגען דער מאָנאַכין בעאַטריסע, ווי די הייליגע מוטער גאָט'ס האָט אָנגענומען איהר געשטאַלט, כדי מען זאָל אין קלויסטער ניט בעמערקען איהר אַנטלויפען מיט דעם געליעבטען, איז ביי מיר האַלב אונבעוואוסט אין מוח דורכגעפלויגען א שאָטען, — אמת, נישט מעהר ווי א שאָטען, — פון יענע פוילע אידיש־וואָלטעריאַנישע וויטצען, מיט וועלכע מיר בעציערען דאָס לעבען פון דער הייליגער מרים. פערגיעב מיר, שוועסטער מרים, דעם שאָטען פון יענעם פוילען וויטץ! אין מיין פריהער יוגענד האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אַז דו ווערסט, אין איינעם מיט אונזער מוטער רחל, נעהען פלאַכטעס פאַר די אידישע הרוגים. אין דער צייט פון מיין פריהער יוגענד וואָלט אזא מין געדאַנק אַליין שוין זיין ערגער ווי גע'שמד'ט....

אָבער ביי דער איצטיגער אידישער יוגענד און ביי יענעם טהייל פון די עלטערע אידען, וואָס האָבען אויסגעלערנט זייער הארץ דרך־ארץ צום קריסטענטהום, האָבען די אַלע אומווערדיגקייט־געפיהלען געמוזט שוין לאַנג פערשווינדען. אונזער יוגענד איז ארום גערינגעלט פון אַלע זייטען מיט דער אטמאָספערע פון דער קריסטליכער טראַדיציע. זי זויגט איין קריסטליכע שטימונגען פון דער שוהל, פון דעם לעהר־בוך, פון דער קינדער־ליטעראַטור, פון דעם שפּיעל פלאַץ מיט קריסטליכע חברים, פון דער גאַנצער גייסטיגער אטמאָספערע אין דער קריסטליך־ציוויליזירטער וועלט. ביי אונזערע אידישע שריפטשטעללער אין איראָפּעאישע שפּראַכען קאָן מען

געפינען אַ סך סמנים, וואָס בעווייזען, אַז זייער בענעהמען זיך צו די קריסט־ליכע בילדער און געפיהלען האָט אין גאַנצען פערלאָרען דעם טראַדיציאָנעל אידישען האס און שפּאָט און איז כמעט אין גאַנצען אויסגעגליכען גע־וואָרען מיט דעם בענעהמען זיך צו זיי פון אַ געבילדעטען, רעליגיעז גע־שטימטען קריסט. דאָס אויף־פלאַקערען פון דעם ציוניסטישען נאַציאָנאַ־ליזם האָט די קריסטענטהום — פריינדליכע שטימונג אין דער איראָפּעאיש שפּרעכענדער אידישער ליטעראַטור ניט שוואַכער געמאַכט, נאָר גיכער פער־שטאַרקט. טראָגט דאָך אין זיך דער ציוניזם דעם געדאַנק, אַז די אידישע נאַציע איז ווי יעדע נאַציע אין גאַנצען אונאַבהענגיג פון וועלכער עס איז רעליגיע און קאָן הויזען מיט יעדער רעליגיע. אמת, אָפּיציעל האָט דער ציוניזם קיין מאָל ניט ארויסגעזאָגט קלאָר און דייטליך די קאָנסעקווענץ פון זיין ריין נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט; ער האָט זיך פאַר דער קאָנסעק־וועניץ דערשראָקען. און בעת, אייניגע גע'שמד'טע אידען אין דייטשלאַנד האָבען, נאָך דעם ערשטען באַזעלער צונויף־פאָהר אָנגעפרעגט, אויב זיי קאָנען צושטעהען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בלייבענדיג קריס־טען, ווייל זיי זענען גלויביגע קריסטען, האָט די יעמאָל־דיגע „וועלט" האַלב אָפּיציעל דערקלעהרט, אַז קריסטען קאָנען ניט אריין גענומען ווערען. דער שרעק פאַר דעם קאָנסעקווענץ פון דעם מאָדער־נעם נאַציאָנאַליזם איז בעשטאַנען ניט אין דערין, וואָס מען האָט מורא גע־האַט אריין צופאַלען אין די נעצען פון דער קריסטליכער טומאה, דאָס קריסטענטהום האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין פאַר דעם געבילדעטען אידען אַן אומריינע זאַך. מען האָט זיך פּשוט געשראָקען פאַר דעם האַס און דעם צאָרן פון דעם אידישען פאָלק, אין וועמעס אויגען דער גאַנצער ציוניזם וואָלט געקאָנט דיסקרעדיטירט ווערען, ווען אונטער זיין פאָהן וואָלטען זיך געמאָגט זאַמלען אויך אידיש־נאַציאָנאַלע קריסטען.

אָבער וואָס מעהר די איראָפּעאישע בילדונג האָט גענומען דרינגען אין די מאַסען, אַלץ מעהר האָבען געמוזט קריסטענטהום־פריינדליכע שטימונ־גען אריין דרינגען אין דאָס אידישע פאָלק. פריהער אָדער שפּעטער האָט געמוזט אויסוואַקסען די בעדערפעניש פאַר געוויסע טיילען פון דעם פאָלק קריטיש איבערצוקוקען אונזער גאַנצע אנטי־קריסטליכע טראַדיציע. פריהער אָדער שפּעטער האָט די שטימונג געמוזט געפינען אַן אָבקלאַנג אויך אין דער אידישער ליטעראַטור און אויב איך האָב ניט קיין טעות איז שלום אַש'ס „אין אַ קאַרנעוואַל־נאַכט" — דער ערשטער פּרוב צו רעווידירען דעם דרייפוס־פּראָצעס, אין וועלכען עס ווערט טאָג־טעגליך פער'משפט און גע־קרייציגט אונזער אונשולדיגער ברודער פון נצרת. אין דערינען ליעגט די וויכטיגע בעדייטונג פון אַש'ס דערצעהלונג.

די טהעמע: „מיר און דער צלם" האָט שוין אַש פריהער בעריהרט אין זיין עטיוד „געטער און מענשען". אַן אַלטע אידישקע און אַלטע קריסטין האָבען געוואָהנט אונטער איין דאַך. זייערע צוויי זיהן, פון יוגענד אויף אויס געוואַקסען אין ברידערליכער פריינדשאַפט, זענען ביידע אין איינעם אוועק אין אַמעריקאַ. די הערצער פון די מוטערס האָבען זיך שוין לאַנג צונויפגעגאָ־



סען אין פורכט און האָפנונג פאַר דעם גורל פון זייערע קינדער; דאָס לעבען האָט זיי פעראייניגט אין דיזעלבע אינטערעסען, דיזעלבע געפיהלען. זיי וואָלטען שטענדיג געלעבט אין פריעדען און פריינדשאַפט איינע מיט דער אנדערער, ווען ניט — זייערע געטער. די אידישע יום־טובים און די גוי'אישע חגאות — זיי האָבען אימער אריין געטראָגען אַ דיסאָנאַנס אין די האַרמאָניש צונויפ־געשטימטע נשמות, זיי און נאָר זיי פלעגען דערמאָהנען אָן דעם אָבגרונד, וואָס דאַרף, ניט על פּי לעבען, נאָר על פּי דין, זיך אויסברייטען צווישען די „מענשען".

זענען אָבער די געטער באמת אזוי פיינדליך איינער צו דעם אנדערען? דאָס איז די פראַגע, וועלכע שלום אַש שטעלט אין זיין נייעסטע דערצעה־לונג, און אויב די פריהערדיגע דערצעהלונג זאָגט אונז, אַז די „מענשען" וואָלטען געקאָנט לעבען צווישען זיך ווי ברידער, נאָר די געטער דערלאָזען ניט, קאָן מען פון דער לעצטער דערצעהלונג ארויסטראָגען דעם איינדרוק, אַז די „געטער" וואָלטען ווי עס איז שוין געקומען צו אַ וועלכען עס איז אויסגלייך, — די מניעה איז אָבער אָן די „מענשען". דערמיט מאַכט שלום אַש דעם ערשטען שריט אריין צו גיעסען אין די אידישע פאָלקס־נשמה די קריסטליכע געפיהלם — און בילדער וועלט. *) אין דעם ערשטען שריט קומען די „געטער" נאָך ניט צו אַן אויסגלייך, און די קריסטליכע וועלט ווערט נאָך ניט אין גאַנצען רעהאַביליטירט. אָבער דאָס איז ניט אויס מאַנגעל אין מוטה און קוראַזש ביי דעם מחבר. דאָס איז אַ קינסטלערישע ווידערשפּיע־געלונג פון אונזערע ווירקליכע געפיהלען. גאַנץ אריין נעהמען דאָס קריסט־ענטהום אין דער נשמה, אַרום נעהמען קריסטוס און מרים מיט טרעהרען פון באַרעמהערציגקייט און איינשליעסען זיי אין דאָס וואַרעם געוואָרענע, טיעף זיי פערגעבענדע געפיהל, — דאָס קאָן נאָך איצטער ניט דערלאָזען דאָס אידישע האַרץ. קריסטוס און מרים שטעהען דערווייל נאָך פון דרויסען. טיעף ליידענד פון די צרות, וועלכע מען טהוט אונז אָן אין זייער נאָמען, בעטען זיי זיך רחמים ביי אונז, ביי דער מוטער רחל און משיח, אָבער די גאַנצע פערגעבונג געפינען זיי ניט. זיי האָבען נאָר גע'פּועל'ט, מען זאָל זיי דולדען פּאַסיוו. די מוטער רחל לאָזט צו, איהר טאָכטער מרים זאָל איהר העלפען אין איהר באַרעמהערציגער ארבייט. משיח הערט אויס, ווי זיין ברודער ישו גיעסט פאַר איהם אויס זיין צובלוטעט געטליך האַרץ, זיין צופייניגט אידיש האַרץ... הערט אויס, שטום און פערשוויגען.

און אין דער אמת'ען! וואָס זאָל איהם משיח, וואָס קאָן ער איהם זאָגען? זיי זענען אַ צווילינג, געבוירען אין איין צייט, געבוירען פון דער

*) שרייבענדיג האָבען מיר זיך דערמאָהנט, אַז אויך י. גאָרדין האָט אין זיין דראַמע: „אלישע בן אבוה" אריינגעפיהרט עפּיזאָדען פון דער יונג־געבוירענעם קריסטענטהום אין אַ העכסט סימפּאַטישער בעלייכטונג. אָבער גאָרדין האָט, צוליעב דעם היסטאָרישען אמת, געמוזט נעהמען די דאָזיגע עפּיזאָדען פון אַזאַ מאָמענט, אין וועלכען עס האָט זיך שוין גענומען אַרויסווייזען דער שאַרפער היפך פון אידען און קריסטען.

סאָציאַל־עטהישער און דער נאַציאָנאַלער נויטה פון דעם אידישען פאָלק. זיי זענען ביידע געבוירען פון דעם „היילינען גייסט״ : פון דעם היילינען גייסט פון אונזערע נביאים. די אויסלייזונג פון דער מענשהייט, די רעטונג פון׳ם אידישען פאָלק,—דאס איז געווען זייער ביידען׳ס שליחות. און בעת ישו איז אוועק צו דער מענשהייט, האָבען זיינע תלמידים פערלאָרען פון אויג די רעטונג פון דעם אידישען פאָלק און סוף כל סוף איז פון זיי אויסגעוואקסען די פיינד־ליכסטע מאַכט פאַר אונזער קיום אויף דער וועלט. און בעת משיח איז גע־בליעבען טריי זיין פאָלק, — וואָס האָט ער אין דער צייט אויפגעטהאָן פאר דער מענשהייט? זיי האָבען ביידע פערפעהלט זייער שליחות...

משיח האָט קיין איין איינציגען גרונד ניט, פאַר וואָס ער זאָל פער־שטויסען פון זיך זיין ברודער, וואָס וויל זיך צוריקקעהרען צו זיין פאָלק. אָבער אין גאַנצען איהם מוחל זיין, בעת אידיש בלוט ווערט נאָך פערגאָסען אין זיין נאָמען, — דאָס געהט איבער זיינע כחות...

און משיח איז געזעסען און געשוויעגען...

וואָלטען ניט געווען די פּאָגראָמען און די אוויביגע רדיפות פון דער קריסטליכער וועלט, יעמאָלט וואָלט די רעוויזיע פון דעם קריסטליכען דריי־פוס־פּראָצעס געווים געגאַנגען א סך שנעלער און א סך טיעפער אין דעם אידישען עפענטליכען בעוואוסטזיין. אָבער אַנטגעגען דאָס אריינגעהמען פון דער קריסטליך־עיראָפּעאישער ציוויליזאַציע און אונזער פאָלקס־קולטור און איהר צונויפגיעסען זיך דאָרטען אין איין איינציגע עיראָפּעיש־אידישע וועלט הויבט אָן צו קעמפפען א היבשער טייל פון דער יונגער, אידישער, פּאָגראָם־פערוואונדעטער אינטעליגענץ. צווישען אונז און דער קריסטליכער וועלט, מיט איהר גאַנצער ציוויליזאַציע, מיט אַלע אַלגעמיין־מענשליכע אי־דעאַלען, וואָס זי האָט אויסגעארבייט, שטעלט זיך אַוועק, מיט א פלאַמענ־דען פּראָטעסט, דער „אייזערנער״ מאַן מיט דעם צלם אויפ׳ן שטערן.

(ענדע קומט).

דר. א. גינזבורג

# „כשר און טריפה און אנדערע מצוות״ פון ב. פייגענבוים

ארויסגעגעבען פון פערלאַג „פרייער־געדאַנק״, ניו יאָרק.

איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האָב זיך גענומען צו לייענען דיזען בוך ניט מיט צו פיעל חשק. דער נאָמען פון איהם מעג זיך זיין סענ־סאַציאָנעל און צוציהענד פאר די גרויסע מאַסע לעזער; פאַר מיר אָבער איז ער א פוסטער קלאַנג, א גאַנץ אַלטע, לאַנג פערגעסענע טהעמא, וועגען



וועלכע עס האָט פיעלייכט געהאַט א זינען צו שרייבען אין דעם פערגאַנ־גענעם יאהרהונדערט אין רוסלאנד, פוילען אָדער גאַליציען, אָבער ניט אין צוואַנציגסטען יאהרהונדערט אין אמעריקא. דער בוך איז ניט אין דער ריכטיגער צייט און ניט אויפ׳ן ריכטיגען פלאַץ: עס איז א מין „חוני המעגל״, וועלכער האָט פערשלאָפען גאַנצע זיעבענציג יאָהר. אין אונזער צייט האָבען מיר גאַנץ נייע פּראָבלעמען, גאַנץ אַנדערע שאלות. דאָ שטעהט דיא כשרות קיינעם אין וועג ניט; קיינער זוכט ניט קיין היתר אויף „בשר־קוויץ״.... אפילו די וואָס היטען אָב כשרות זענען ניט שטארק מקפיד וועגען דעם. קעמפפען אין אמעריקא געגען כשרות איז א מין דאָן־קיכאָט־סטווא, א קאמפף געגען ווינד־מיהלען.

איך האָב אָבער געביטען מיין מיינונג אזוי שנעל ווי איך האָב דורכ־געלייענט דעם „פאָרוואָרט״ און די „איינלייטונג״. איך האָב פון זיי ארויס־געטראָגען די איבערצייגונג, אז דער ווערטהער פערפאסער האָט גאָר ניט בדעה צו פיהרען אַן „אַגיטאַציע געגען רעליגיאָן״, זאָנדערן ער וויל געבען א ווי ס ע נ ש א פ ט ל י כ ע ערקלעהרונג וועגען דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון די דאָזינע אלע זאַכען. ניט קיין אַגיטאַציע אלזאָ, נאָר ווי־סענשאפט, און וויסענשאפט איז אלע מאָל אם פּלאַטץ. אָט וואָס דער פערפאסער זאָגט:

„דיעזער בוך וועט דעריבער זיין א געוווּנשטער האַנד־בוך פאר אויפגע־קלעהרטע; ווען זיי וועלען האָבען א דיסקוסיאָן איבער א רעליגיעזען געגענ־שטאַנד, וועלען זיי קענען עפענען דעם בוך און געפינען א גרינדליכע ערקלעהרונג, וואָס דאס איז, פון וואַנען דאס שטאַמט און וואָס די וויסענשאפט האָט צו זאָגען וועגען דעם (זייטע 9״).

דאָס זענען שוין גאָר אַנדערע דבורים. דאָס שמעקט שוין ניט מעהר מיט אַלט־פריינקישע אַפּיקורסות. דאס רעדט צו אייך א מאָדערנער מענש, און דערצו נאָך אַזעלכער וואָס איז פון קאָפּ ביז די פּיס בעפּאַנצערט מיט דער וויסענשאפט. דאס בוך, פערשפּרעכט אייך דער פערפאסער,

„וועט אַלזאָ ניט זיין א בוך אויסצולעזען און אַוועק צו וואַרפען, נאָר צו בע־האַלטען און בענוצען אויף אימער״ (זייטע 9), דען ער וועט דיענען ווי אַן ענציקלאָפּעדיע, וואו מען וועט אימער קענען אויפזוכען די ערקלעהרונג פון רעליגיעזע זאַכען״. (זייטע 8).

איהר פערשטעהט, אַלזאָ, וואָס פאר א מין בוך דאס וועט זיין? דאס וועט זיין א בוך פון ביכער, א גאַנצע ענציקלאָפּעדיע, וואו אלע רעליגיעזע פראגען און פּראָבלעמען וועלען ווערען בעהאַנדעלט. און רק על פי ווי־סענשאפט. אזוי זאָגט זעהר בעשיידען דער מחבר אליין. און אז ער זאָגט, מעגט איהר איהם גלויבען, ווארום „אין אדם משקר במלתא דעבידא לגלויי״ — א מענש וועט דאָך קיין ליגען ניט זאָגען, וואו מען קען איהם כאַפּען ביין האַנד...

נאָך דיעזער חנ׳עוודיגער הקדמה, קומט אַן איינלייטונג, וואו דער ווערטהער מחבר איז זיך מתוכח מיט די „נייע אתה־בחרתנו׳יקעס״. ער בעקלאָגט זיך אויף זיי, אז זיי רופען איהם „פושע־עוכר ישראל״, אז זיי

# קריטיק און ביבליאָגראַפיע

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

## שלום אש׳ס ,,אין א קאָרנאַוואַל נאַכט" און ל. שאַפּיראָ׳ס ,,דער צלם"

(ע נ ד ע).

גרייליך וואָלט איך געוואָלט, מען זאָל קאָנען קוקען אויף שאַפּיראָ׳ס „דער צלם" מעהר נישט, ווי אויף א ריין־קינסטלערישען פּראָדוקט און בע־טראַכטען איהם פון א ריין עסטעטיש־קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. דער שמיטץ מיט׳ן בייטש, וואָס יעדער פּראָגרעסיוו־דענקענדער און פיהלענדער מענטש מוז שפּיהרען ביי דער פערגוואַלטיגונגס־סצענע, וואָלט יעמאָלט פער־לאָרען זיין גאַנצען ברענענדיגען וועהטאָג. אקוראַט ווי בשעת א שווערען, שרעקענדען קאָשמאַר לויפט אין שלאָף גופא דורך דער טרייסטענדער געדאַנק: „ס׳איז דאָך נאָר א ח ל ו ם" און רויבט אוועק די גאַנצע אימה, אַזוי וואָלט מען אויך ביי שאַפּיראָ׳ס דערצעהלונג געקאָנט טרייסטען זיך: „ס׳איז דאָך נאָר א מעשה, אויסגעטראַכט פון א קינסטלער, צו־ליעב ריין קינסטלערישע ציעלען". און, איבערגעלייענט די דערצעהלונג, וואָלטען מיר זיך געפיהלט, ווי אין טהעאַטער, ווען דער „הורג נפש" מיט דער דערמאָרדעטער געהען, נאָך דעם ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, ביידע ארוים האַנד אין האַנד און פערנייגען זיך פאַר׳ן עולם. ווי קאָשמאַר־האַפטיג־גרויזאַם די ערמאָרדונגס־סצענע זאָל ניט זיין (דעם מאַן מיט דעם צלם האָט אויך אויף א רגע אַנגענומען אַן אימה, ווען ער האָט פּלוצלינג פערשטאַנען, וואו ער איז און וואָס ער וויל טהאָן), וואָלטען מיר געוויס ניט געהערט צו יענעם עם־הארצ׳ישען קלאַס צושויער פון דער גאַלעריע, וואָס בעגעגענען דעם „הורג נפש" מיט א פּראָטעסטירענד־ברומענדען „הו־או־או"; מיר וואָלטען פיעל־מעהר געהערט צו דעם בעגייסטערט קלאַטשענדען עולם פאַר דאָס גראָטענע שפּיעלען פון דעם „הורג־נפש" און זיין קרבן.

אויך מיינען מיר, אַז מיר פערשטעהען א ביסעל א שפּאַס; יענעם שפּאַס, וואָס דער מאָדערנער קינסטלער האָט א מאָל ליעב צו טרייבען מיט אונז, פּשוט׳ע חי־וקים׳ס: ווי באָדלער, צ. ב. וואָס האָט ליעב געהאַט, א שפּריץ טהאָן אונז פּלוצלינג מיט קאַלטע וואַסער און א פרעג טהאָן, לויט פּשיבי־שעווסקי, א שטייגער: „האָט איהר ליעב צו עסען געקאָכטע קינדערשע מאַרכעלעך?"... א שפּאַס, אָט זיך גלאַט אַזוי, כדי צו־צוזעהען די קאָמיש־דערשראָקענע מינעס אונזערע, וואָס מיר מאַכען, ווי נאָר ער הויבט אָן צו זשאָנגליערען מיט די אונז הייליגסטע געפיהלען...



וואָלט „דער צלם" געוועזן נ אָ ר א קונסט־ווערק, יעמאָלט וואָלטען מיר מיט שאַפּיראָ׳ן אפשר געהאַט גאָר אַן אנדער מין ויכוח, אָבער קונסט איז ניט נאָר קונסט, ס׳איז אויך ל ע ב ע ן, און וואָס מעהר קונסט, אַלץ מעהר לעבען. א קונסט־ווערק איז ניט נאָר א מין מ אַ ר מ ע ל אַ ד, וואָס דער קינסטלער פּרעגעלט צוליעב אונזער הנאה, א „שעהן־און־פיין־קוכען", א „שעהן־און־פיין־געמאַכט׳ס", וואָס מיר דאַרפען צו־ביסעלעך־וויין נעה־מען אויפ׳ן צונג און, ווי אמת׳ע מבינים אין הלכות זולל־וסובא, צוהערען זיך מיט כונה, ווי עס צוגעהט זיך אויפ׳ן צונג־אָן פון דאָרטען איבער אַלע גליעדער. אַן אמת קינסטלעריש ווערק איז ניט קיין „שעהן־און־פיין־געמאַכט׳ס", נאָר תמיד א חשבון־הנפש און ניט נאָר פון אַן איינצעלנען מענשען, נאָר פון א גאַנצען דור און — אויף דער העכסטער מדרגה — א חשבון הנפש פון דער גאַנצער מענשהייט. שאַפּיראָ׳ס דערצעהלונג — איז אויך א ח ש ב ו ן ה נ פ ש, אמת ניט פון דער גאַנצער מענשהייט, אפילו ניט פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק אָדער פון א גאַנצען אידישען דור, אָבער דערפאַר גאַנץ זיכער פון א גרויסען טייל פון דער מאָדערנער אי־דישער אינטעליגענץ.

בעזועהט מען „דעם צלם" פון דעם שטאַנדפּונקט, איז שוין קיין נפקא מיניה ניט, צי די מעשה איז געוועזן אָדער ניט געוועזן, צי זי האָט געקאָנט געמאָלט זיין אין דער ווירקליכקייט, אָדער זי האָט אין דער ווירקליכקייט קיין מאָל ניט געקאָנט פּאַסירען. ס׳איז א פאַקט, אַז א יונגער אידישער קינסטלער האָט זי דורכגעלעבט, דורכגעלעבט אין זיין אייגענער נשמה. און ער האָט זי דורכגעלעבט ניט נאָר ווי א קינסטלער, נאָר אויך ווי א מענש, ווייל שאַפּירא איז א מענש, וואָס לעבט און ליידט מיט די וועהטאָגען פון זיין דור.

די טהעמא פון שאַפּיראָ׳ס ווערק איז די שילדערונג פון יענעם פּראָ־צעס, וואָס א גרויסער טייל פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער אינטע־ליגענץ האָט דורכגעמאַכט אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. פריהער אין גאַנצען אָבגעריסען פון׳ם אידישען פאָלק און פרעמד צו איהם, ווערט דער אידישער רעוואָלוציאָנער, א דאַנק די פּאָגראָמען, א „בעל תשובה". איז ער גאָר ראַדיקאַל אין זיין נייען שטרעבען, פערשילט ער זיין פערגאַנ־גענהייט, זאָגט זיך אָב אין גאַנצען פון איהר און גיט זיך איבער בלב ונפש צו דעם אידישען פאָלק. שאַפּיראָ׳ס דערצעהלונג איז א מעשה פון אַזא ראַדיקאַלען בעל־תשובה. זיין „פערגאַנגענהייט" איז פערקערפּערט אין דער פאָרם פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערין „מינא", און דער אַקט פון „תשובה־טהאָן", נאָך דעם פּאָגראָם, אין וועלכען זיין מוטער איז פערגוואַל־טיגט און געפּייניגט געוואָרען פון שכור׳ע פּאָגראָמשציקעס, האָט זיך אויס־געדריקט אין דער פאָרם פון א שרעקליכען, אכזריות׳דיגען נקמה־אַקט. דער העלד פערגעוואַלטיגט און דערווערגט מינאָ׳ן, וועלכע ער האָט נאָך מיט א פאָר טעג צוריק אַזוי טיעף פערגעטערט, אַזוי איניג אָנגעהויבען צו ליעבען.

דאָס איז אָבער נאָר דער „גוף" פון דער טהעמע. איהר ריין ליטע־

ראַרישע נשמה איז ניט אזוי ענג נאַציאָנאַל. זי איז דוקא אן אַלוועלטליכע, אן אַלגעמיין־מענשליכע. שאַפּיראָ'ס דערצעהלונג איז אַ „מעשה מיט אַ העלד", איינע פון יענע העלדען־געזאַנגען און העלדען־שילדערונגען, וואָס זענען פול און פיעל אין דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור, נאָך פון האמער אָן, נאָך פון דער מעשה מיט „שמשון הגבור" אָן.

דער צלם־מאַן איז, פערשטעהט זיך, ניט קיין העלד פון פיזישער גבורה. ער איז אַ ריטטער פון אונזער צייט, אַ גייסטיגער קראַפט־מענש, אַ גבור פון שטאָלצען ווילען, אַ קעמפּפער פאַר אַן אידעע.

לאָמיר זיך אַ ביסעל מעהר אָבשטעלען אָט אויף דער ריין ליטעראַרישער זייט פון דעם „צלם". דאָס וועט אונז העלפען ארויסגעפינען דעם לעבענס־אמת, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אין איהם.

שאַפּירא גיט אונז אָן אַ סך סמנים, וואָס נאָך זיי קאָנען מיר דערקענען דעם גייסטיגען קראַפט־מענשען. די מעשה שפּיעלט זיך אָב אין יענער צייט, ווען „דאָס לאַנד האָט שוין געפיעבערט פון אויפרעגונג. אַלץ גרעסערע און גרעסערע מאַסען זענען אריינגעצויגען געוואָרען אין שטראָם און איבער זייערע קעפּ האָט וואָס אַ מאָל עפטער אויפגעפלאַמט, ווי אַ ראַקעטע, דאָס הייסע, רויטע פייער פון איינצעלנע העלדישע טהאַטען". דער „צלם־מאַן" איז יעמאָלט געווען אַ מיטגליעד אין אַן אָרטיגען קאָמיטעט, — שוין ניט קיין גאָר קליינע מדרגה אויף דער לייטער פון רעוואָלוציאָנערע פערדיענסטען. אָבער דאָס איז פאַר איהם געווען ווייניג: „אַ געדאַנק, שאַרף ווי אַ מעסער, האָט זיך לאַנגזאַם און זיכער געשניטען אריין אין טיעפעניש פון מיין מוח", דערצעהלט ער. „וואָס איז דאָס געווען? איך האָב נישט געוואוסט אויף קלאָר און דערוויילע דערפון נישט געוואָלט וויסען. איך האָב בלויז געהאַט אַזאַ געפיהל, ווי מיינע מוסקעלן וואָלטען ווערן וואָס אַ מאָל שטייפער, אָנגעצויגענער"... שפּעטער איז איהם מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרען זיין געדאַנק: „צו ווערען איינע פון די „ראַקעטען", וואָס בעלייכטען דעם וועג פון דער רעוואָלוציע -- און בעצאָהלען דעם פּרייז דערפאַר". און געהענדיג אהיים, נאכדעם ווי דער בעשלוס איז שוין אָנגענומען געוואָרען, „האָב איך געפיהלט", זאָגט ער, „ווי אַלע אברים אין מיר זינגען".

דער „מזל" האָט אָבער אויסגעקליבען פאַר אונזער העלד נאָך אַ גלענצענדערע טהאַט עהדער ווערן אַ ראַקעטע. אויף איהם ווארט נאָך אַ העכערער נסיון עהדער אַוועקגעבען דאָס לעבען צוליעב זיין גאָט. ער איז בערופען געוואָרען צו בעקעמפּפען זיין גאָט און צו טויטען איהם. און ניט נאָר צו טויטען איהם, נאָר אויך צו שענדען איהם און צו טרעטען איהם מיט די פיס. און דאָס אַלץ צו טהאָן מיט דעם קלאָרען פערשטאַנד, אַז דער, וועמען ער שטראָפט, איז ניט *שולדיג* אין יענע מעשים, פאַר וועלכע ער שטראָפט איהם; אַז אין דעם גרויסען צער, וואָס דער העלד האָט דורכגעלעבט און וואָס ער לעבט דורך, זענען די סימפּאַטהיען פון דעם בעשטראָפטען אויף זיין זייט; אַז ער, דער וואָס זאָל בעשטראָפט ווערען,



איז דורכגענומען מיט דעם זעלביגען צער ווי דער העלד; אַז ער איז אָנגעגרייט אין איינעם מיט איהם צו ליידען און צו קעמפּפען. און דאָך פיהלט דער העלד, אַז ער האָט אַ רעכט, איהם צו שענדען און צו טויטען. דאָס איז דער העכסטער פּונקט, דער קלימאַקס, צו וועלכען אַ מענשליכער גייסט קאָן זיך ארויפשווינגען אין זיין קראַפט. מיט'ן פוס אויף מינאַ'ס אונשולדיג געשענדעטען קערפּער, שטעהט ער, אין דעם קינסטלער'ס פאַנטאַזיע, „פריש און שיינענדיג פון קאָפּ ביז די פיס", אַ גאָט־בעשטורעמער, אַ גאָט־בעזיעגער.

דאָס איז דער ליטעראַרישער גרונד־מאָטיוו פון שאַפּיראָ'ס „העלדען־געזאַנג".

און נאָך אַ צווייטער מאָטיוו, ניט ווייניגער אינטערעסאַנט פון ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט, קלינגט דורך אין דער דערצעהלונג.

צוליעב וואָס ראַנגעלט זיך דער העלד מיט זיין גאָט? ס'איז ניט נאָר דער נ ק מ ה ־ מאָטיוו, דער „גואל־הדם"־מאָטיוו וואָס טרייבט איהם צום קאַמפּף. וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט דער העלד פּסיכאָלאָגיש ניט געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה פאַר דעם ווילדען, וואָס צוברעכט זיין לעהמענעם געץ, ווייל יענער האָט איהם אָבגענאַררט אין זיינע האָפענונגען. דעם צלם־מאַן'ס קאַמפּף מיט זיין גאָט איז אַ ב ע פ ר י י א ו נ ג ס ־ קאַמפּף, אַ קאַמפּף פאַר זעעלישען פריעדען און גאַנצקייט. דער אַלטער גאָט, אין וועמעס הימלען ער האָט געוועלט ארויף־פליעהען, ווי אַ ראַקעט, מוז דערוואָרגען ווערען, כדי פריי זאָל ווערען די נשמה צו אַ נייעם שאַפען, כדי אַ נייער גאָט זאָל קאָנען געוועלטיגען אין איהר, גאַנץ און זיכער, מיט קיינעם ניט געטיילט זיין מאַכט, פון קיינעם ניט געשטערט אין זיין ווילען. און די שענדליכסטע טהאַט ווערט געטהאָן. דער אַלטער גאָט ווערט בעשטוררעמט און בעזיעגט, אַ געשענדעטער און בעשמוצטער ליעגט ער פאַר די פיס פון דעם העלד, און פריעדען און רוה ציעהט אריין אין זיין נשמה...

מנוחה ושלוה נאָך דעם גרעסטען פערברעכען! דער גרעסטער פערברעכען מעהר נישט ווי אַ בענקעלע פאַר'ן פרייען גייסט, וואָס רעכענט זיך נאָר מיט זיינע אייגענע געבאָטען. אַ בענקעלע, אויף וועלכען ער זאָל זיך קאָנען אַ ווײַלע אָבשטעלען, איבערכאַפּען דעם אָטהעם און ווייטער פונאַנדערשפּרייטען זיינע פליגלען. ער איז ניט געבראָכען אין דעם קאַמפּף, ער איז מעהר נישט ווי מיעד. ער דאַרף נאָר אָברוהען, ביז די קראַפט וועט זיך ווידער אָנזאַמלען. „שוין באַלד דריי יאָהר", ענדיגט דער „צלם־מאַן" זיין דערצעהלונג, זייט איך וואַנדער ארום. און איך, נייגעבוירען קינד, שפּיר, אַז איך בין שוין גענוג קרעפטיג. אין גיכען וועל איך געהן צוריק צום ישוב, און דעמאָלט — — —"

דער צלם־מאַן דערצעהלט אונז ניט, וואָס ער מיינט מיט דעם „און דעמאָלט"... און פון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישען שטאַנדפּונקט איז דאָס שוין גאָר קיין נפקא מיניה ניט. אַזעלכע העלדענטהאַטען, ווי שענדען און טויטען אַ גאָט, פּאַסירען ניט צוויי מאָל אין לעבען. צוריק ווידער בלייבען שטעהן אויף דעם קלימאַקס אויף דעם שפּיץ בארג, איז אויך אַן

אונמעגליכע זאַך. דער העלד וועט זיך מוזען אַראָבלאָזען פון דער אַנדער זייט באַרג ביז צו זיין פריהערדיגער מדרגה, — אַוועק־געבען זיך אין גאַנ־צען זיין נייעם גאָט, אַרויפ־פליהען אין די נייע הימלען ווי אַ ראַקעט, כדי צו בעלייכטען דעם וועג פאַר די געטרייע אַנהענגער, אָדער אויף אַ וואַסער עס איז אַנדער אופן אַרויסדונגערן און אַרויסבליצען זיין קראַפט. און וויעדער וועט ער פיהלען, ווי די מוסקעלן ווערען וואָס אַ מאָל שטייפער, אָנגעצויגענער, און וויעדער וועלען אַלע אברים זינגען אין איהם . . .

מנוחה ושלוה נאָך דעם גרעסטען פערברעכען . . . דער גרעסטער פער־ברעכען אַ בעפרייאונגס־אַקט פאַר דער נשמה פון אַ העלד . . . אַ שעהנע, ווירקליך שעהנע טהעמע!

אמת, איך האָב דעם איינדרוק, אַז די טהעמע איז ניט אין גאַנצען אָרי־גינעל, און דאָס פערמינערט דעם ליטעראַר־היסטאָרישען ווערטה פון שאַ־פּיראָ'ס דערצעהלונג. איך מיין, פערשטעהט זיך, ניט דעם ספור המעשה, וואָס איז דורך און דורך אייגענאַרטיג. איך מיין די גרונד־שטימונג פון „מעגען בעגעהן אַ פערברעכען", פון מעגען טהאָן אַזאַ'ן עולה, וואָס דער פערברעכער אַליין פערשטעהט, ס'איז די גרעסטע עולה, וואָס אַ מענש קאָן בעגעהן. אַזאַ גרונד־שטימונג טראָגט זיך, שוין לאַנג אַרום אין דער ליטע־ראַרישער לופט. אַ שטורעם־קריעג ווערט שוין פון לאַנג אָן אָנגעפיהרט אַנטקעגען דער גאַנצער מאָראַל, אַנטקעגען דעם הויפט־פרינציפּ פון איינ־טהיילען מענשליכע געפיהלען און מעשים אין גוטע און שלעכטע.

„ניטאָ צוויי וועגען: גוט און שלעכט. ס'איז דאָ נאָר איין וועג: גוט" — זינגט מ י נ ס ק י. און אפילו אונזער „אידישער גזלן", מ נ ח ם, ברוגז'ט זיך אויף ערגעץ־וואו מיט גאָט, פאַר וואָס ער, מנחם, האָט נאָך אין זיין לע־בען קיינעם ניט דער'הרגה'ט. איך האָב אַ חשד, אַז אויך שאַפּיראָ איז ניט פריי פון דעם ניי־מאָדישען כלל: „ניטאָ צוויי וועגען". „זאָגט מיר, איך בעט אייך", פרעגט דער צלם־מאַן, „וואָס ווייס די נאַטור, דער ו ו ע ל ט אַ ל, וועגען שמוץ און שאַנדע? . . . וויסען זאָלט איהר זיין, נישטאָ אין דער נאַטור אַזאַ זאַך, ווי שמוץ און שאַנדע". די נאַטור ווייס ניט פון „גוט" און „שלעכט". זי ווייס נאָר איין חלוק — פון שטאַרק און שוואַך, פון פרייער קראַפט און געבונדענער.

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז, אויך לויט שאַפּיראָ'ס מיינונג, דער סוד כל הסודות פון דער נאַטור און אויך פון דעם מענשליכען לעבען. אַז אָט דעם סוד כל הסודות האָט דעם צלם־מאַן אויך דער ים פערטרויט, בעת ער האָט איהם „אויפגענומען מיט ענדלאָזער ברייטקייט, מיט רויהע ווינטען, מיט שאַרפען, געזאַלצענעם אָטהעם" און האָט גערעדט צו איהם „פון וואונדערבאַרע זאַ־כען, גערעדט — גערעדט און געשוויעגען — גערעדט". און דעם זעלביגען סוד, „וואָס דער ים האָט געמיינט מיט זיינע רייד" האָט איהם „די פרעריע גענומען פערטייטשען אויף איהר לשון". אויב ס'איז אַזוי, איז די גרונד־קאָנצעפּציע פון שאַפּיראָ'ס דערצעהלונג, נישט מעהר, ווי איין שטים אין אַ גרויסען, פיעלשטימיגען כאָר, ווען אפילו זי ווערט ניט בטול בשישים אין איהם.



פון דער אַנדער זייט אָבער, קאָן מען די פסיכאָלאָגיע פון דעם צלם־מענשען אויסטייטשען אַזוי, אַז אין איהר זאָל אַ ברעקעל קיין סתירה ניט זיין צו די גרונד־פרינציפּען פון דער מאָדערנער עטהיק. ער בעגעהט אַ פערברעכען צוליעב בעפרייען זיין נשמה, אמת! אָבער זיין נשמה, איהר רוהע און גאַנצקייט, איז פאַר איהם ניט קיין זעלבסט־צוועק, צוליעב וועל־כען ער זאָל זיך פיהלען בערעכטיגט צו טרעטען מיט די פיס די אידעאַלען פון עטהישען יושר. זיין נשמה געהערט אַ נ י י ע ם ג אָ ט, און אין זיין נאָמען קעמפּפט ער אַנטקעגען דעם אַלטען גאָט. פאַראַן, הייסט עס, צ ו ו י י וועגען: „גוט" און „שלעכט", אויך פאַר דעם צלם־מאַן. און ער קעמפּפט מיט זיין גאַנצער קראַפט געגען דעם „שלעכט" צוליעב דעם „גוט".

ווי די מעשה איז, איז שאַפּיראָ'ס דערצעהלונג פון ריין ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט אַ שטאַרקע, אויסגעהאַלטענע, געראָטענע זאַך — ביז אויף איין איינציגען פּונקט: דעם פערגוואַלטיגונגס, — דעם בעשמוצונגס פּונקט. דער פּונקט איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, אַ פּ ג י מ ה, אַ שאַרף אין דעם פיין גע־שליפענעם חלף, — אַ שאַרף פון דעם שטאַנדפּונקט פון ריינע שעהנקייט.

ס'פערשטעהט זיך, אַז איך רעד דאָ ניט פון מאָראַלישע שעהנקייט אָדער מאוסקייט פון דעם פערגוואַלטיגונגס־אַקט גופא. אויך זיין עסטהע־טישע שעהנקייט אָדער מאוס'קייט האָבען מיר דאָ ניט אין זינען. אין יענע רעגיאָנען, אין וועלכע שאַפּיראָ הויבט אונז אויף מיט זיין מעשה פון אַ קראַפט־מענשען, שפּיעלען אַזעלכע קלייניגקייטען קיין ראָלע ניט. אָן אַנ־דער ווינקעל־מאָס פאַר שעהנקייט ווערט דאָרטען אָנגעווענדעט: ד י ק ר אַ פ ט. שעהן און גרויס הענגט דאָרטען אָב פון דעם סכום און דער אַרט פון דער דורכגייסטיגער ווילענס־ענערגיע, וואָס דער קראַפט־מענש ברענגט אַרויס. וואָס גרעסער עס איז דער סכום און וואָס איידעלער עס איז די אַ ר ט פון דער ווילענס־ענערגיע, וואָס אַ וועלכע עס איז טהאַט פערקערפּערט אין זיך, אַלץ גרעסער און שעהנער איז די טהאַט גופא. אָבער דוקא מיט דעם ווינקעל־מאָס געמאָסטען, איז דער פערגוואַלטיגונגס־אַקט נישט מעהר ווי אַ שטיק אויסערליכע ל אָ ג י ק, אַ קאָנסעקווענץ־מאַכעריי, אַריין גע'פּלפּול'ט אין דער קאָנצעפּציע פון דעם קראַפט־מענשען, אַ פון פינ־גער אויסגעזויגענע זאַך.

שטאַרק איז דער קראַפט־מענש. ביי דעם געדאַנק, אַרויף־צו־פליהען, ווי אַ ראַקעט, אַוועקגעבען זיין לעבען פאַר דער מענשהייט, זינגען אין איהם אַלע אברים. אָבער ער שטייגט נאָך העכער און דערווערגט זיין גאָט, אַן אונשולדיגען גאָט. אָבער אויך דאָס ניט גענוג: ער דערנידריגט איהם און בעשפּייט איהם, ער טרעט איהם אין שמוץ. אויפ'ן ערשטען בליק איז דאָס אַלץ אַ שטייגערונג פון זיין קראַפט, און דער לעצטער שטאַפּעל איז דער העכסטער פּונקט פון זיין גבורה. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי, לויט דער פאָרמאַלער לאָגיק, לויט דעם פּרינציפּ: וואָס מעהר, איז בעסער. אָבער די פאָרמאַלע קאָנסעקווענץ־מאַכעריי טרייבט תמיד צו אַ פּונקט, וואו זי ברעכט האַלז־און־נאַקען, וואו אויף איהר ווערט מקוים דער ד י אַ ־

לעקטישער כלל, אז „וואָס צו שאַרף, ווערט שאַרפיג". דער בע־
שמוצונגס־אַקט איז ניט נאָר ניט דאָס העכסטע פּאַנאַנדערבליעהען פון דער
קראַפט, ווי דאָס קומט אוים על פּי לאָגיק, ער איז אין דער אמת'ען גאָר אַ
צובראָכען ווערן פון דער קראַפט.

אַן אמת'ער קראַפט־מענש האָט אַזאַ לאָגיק: דאָס, וואָס פערדיענט, עס
זאָל פון מיר בעשמוצט ווערן, איז ניט ווערטה, איך זאָל עס בעשמוצען.
פריהער בעשמוצען און דערנאָך דערוואָרגען — הייסט, אַז ערגעץ־וואו אין
האַרצען פיהל איך, אַז דער ניטגעשענדעטער גאָט איז — צו גרוים
פאַר מיר, איך זאָל קאָנען קעמפּפען אנטקעגען איהם. איך מוז איהם
פריהער ניעדריגער מאַכען, כדי איך זאָל קאָנען דערלאַנגען צו איהם. ד. ה.,
איך מוז צוגעבען, אַז ער איז אַ סך העכער פאַר מיר. און אַריינטראַכטענדיג
זיך טיעפער אין דער סימבאָליק פון דער בעשמוצונגס־סצענע, ווילט זיך
זאָגען דעם אייזערנעם קראַפט־מענשען: עה, דו, מיין שמשון הגבור!
דו ביסט נאָך גאָר אַן אפרוח'ל. הויבסט נאָך גאָר ניט אָן צו פערשטעהן,
ווי אַזוי מען קעמפּפט אנטקעגען געטער. געטער דאַרף מען בייקומען אין
זייער גאַנצער גרוים אין זייער גאַנצער גלענצענדער פּראַכט. און צולאָזען
טאָהר מען ניט, זייער גרוים זאָל פערשוועכט ווערן, אַ שפּרינקעלע זאָל פאַ־
לען אויף זייער פּראַכט. אָט ווי זיי זענען, אין זייער גאַנצער געטליכער
שעהנקייט און מאַכט, שפּאַן זיי איין אין דיין טריאומף־וואָגען און טרייב
זיי צו דיין ציעל. ערשט יעמאָלט וועסטו זיין אַן אמת'ער גאָט־בעשטור־
רעמער און גאָט־בעזיעגער און וועסט בעווייזען, אַז דו ביסט אויך פון געט־
ליכער נאַטור, ווייל בעזיעגען אַ גאָט קאָן נור דער, וואָס איז אויך פון געט־
ליכער נאַטור. קוים אָבער הויבסט דו אויף דיין האַנד אויף זייער געט־
ליכקייט, קוים לעסטערסט דו זייער מאַכט און פּראַכט, אַזוי אנטפּלעקסט דו
דיין שטויב־נאַטור און ווערסט צוריק־געשליידערט אין שטויב". דער שמשון
הגבור, דער העלד פון דורכגייסטיגסטער ווילען'ס־קראַפט, ווערט דורך די
פערגוואַלטיגונגס־סצענע פערוואַנדעלט אין אַ פּשוט'ע מיאוס'ע בריאה,
אַ שכור'ע פון צער און נקמה, וואָס לאָזט אוים איהר גרים־צאָרן צו אַ גאָט,
ווייל זי פערשטעהט שוין ניט, וואָס הייסט עס אַ גאָט.

דער שאַרפּ אין דעם פיין געשליפענעם חלף פערדאַרבט דאָס גאַנצע
בילד פון דעם גייסטיגען קראַפט־מענשען און איז דעריבער פון ריין ליטע־
ראַרישען שטאַנדפּונקט אַ גרויסער פעהלער. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט,
ווען מען בעטראַכט שאַפּיראָס דערצעהלונג נאָר ווי אַקונסט־ווערק; ווען
מען נעהמט אָן, אַז זיין צוועק איז געווען אַ ריין קינסטלעריש־אָביעקטיווער,
— צו שילדערן אונז איינעם פון יענע אייזערנע קראַפט־העלדען, וואָס דאָס
אידישע פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אין דער לעצטער צייט און וואָס זענען,
ווי מיר האָפען, ניט אין גאַנצען איינגעשלונגען געוואָרען פון דער רוסישער
רעוואָלוציע..

אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט בעווייזט זיך די פערגוואַלטיגונגס־סצענע,
ווען מען געהט אַראָב פון דעם ריין קינסטלערישען שטאַנדפּונקט און מען



דערמאָהנט זיך, אַז קונסט, ווי פאַנטאַסטיש זי זאָל ניט זיין, איז אין ערש־
טער ליניע לעבען. און, סימבאָליש גענומען, איז שאַפּיראָ'ס ווערק טריי
געבליעבען דעם לעבען, וואָס ער שפּיעגעלט אָב, אין דער פערגעוואַלטיגונגס־
סצענע אפשר נאָך מעהר, ווי אומעטום, ווייל זי איז טאַקי אין דער אמת'ען
ניט דער אויסדרוק פון קראַפט־געפיהל, וואָס איז אָנגעוואַקסען ביי אַ
קראַפט־מענשען, נאָר מעהר נישט ווי די בענקשאַפט נאָך קראַפט
פון אַ דור, וואָס פיהלט זיך דערשלאָגען און קרענקליך און קליין.

מענשען, וואָס זענען נערוועז קראַנק געוואָרען דורך אַ וואָסער עס איז
פּסיכישען צער, זעהען אָפּטמאָל אינסטינקטיוו אויסצומיידען יענע ערטער
און פּערזאָנען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט זייער צער. אינסטינקטיוו
פליסען זיי זיך אַריינצוקומען אין אַזאַ אַטמאָספערע, וואו קיין זאַך זאָל
זיי ניט דערמאָהנען אָן דעם אַלטען, נאָך ניט שטיל געוואָרענעם וועהטאָג.
די צושלאָגענע „נאַראָדאָוואָלצעס" פון די אכטציגער יאָהרען האָבען אינ־
סטינקטיוו ניט געקאָנט מעהר אַריבער טראָגען דעם געדאַנקען פון אַ טער־
ראָריסטישען קאַמפף. די פּאָגראָם־פערוואונדעטע אידישע רעוואָלוציאָנערע
יוגענד פון יענער צייט האָט פּסיכיש ניט מעהר געקאָנט אויסשטעהן דעם
געדאַנק פון אַ רוסיש־רעוואָלוציאָנערען קאַמפף בכלל. זי האָט זיך געוואָלט
אויסרוהען פון איהם, און די חובבי־ציון־בעוועגונג האָט פאַר זיי
בעשאַפען יענע אַטמאָספערע, וואָס האָט זיי געבראַכט לינדערונג און טרייסט.
אין דער איצטיגער צייט, נאָך די גרויסע פּאָגראָמען פון די אָקטאָבער־טעג,
שפּיעלט זיך אָב דיזעלבינע געשיכטע נאָך אַ מאָל, נאָר אין אַ גרעסערען מאַס־
שטאַב, ווייל די צייט איז געווען אַ גרעסערע, ווען אי די פּאָגראָמען, אי די
רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען, אי דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפף, אי די
ראָלע פון די אידען אין איהם האָבען אָנגענומען קאָלאָסאַלע מאָסען. דערי־
בער איז אויך דער זעלישער אבשטוים פון דער רעוואָלוציאָן, וואָס איז
אויסגעוואַקסען אין 'דער נשמה פון דעם נערוועז קראַנק געוואָרענעם אי־
דען, אַ סך אַ גרעסערער, עהדער אין די אכטציגער יאָהרען, ווען אויך דער
שרייבער פון דיזעם אַרטיקעל האָט, אין זיין יוגענד, דורכגעלעבט די גאַנצע
טרויעריגע גאַמע פון פּאָגראָם־שטימונגען און געפיהלען. די בלויז־קרענק־
ליכע און מיעד געוואָרענע נאַטורען פאַלען איטצטער אריין אין אַ צושטאַנד
פון אַפּאַטיע, אָבגע'חלש'טקייט און — גאָט ווייס, אין וואָס זייער פערוואונ־
דעט האַרץ זוכט אַ ברעקעלע מילדערן זונען שיין, אַ שטיל בעהאַלטען ווינקעלע,
וואו די וואונדען זאָלען זיך קאָנען פערהיילען! די אַקטיווערע, אָבער קראַנק
געוואָרענע פון די אַריבערגעטראָגענע ליידען, בעליידיגט געוואָרענע דורך די
שוואַכקייט, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף זייער גורל, לעבען איבער אַ גאַנ־
צען גיהנם פון שנאה־געפיהלען. און עס וואַקסט אָן אַ דורשט צו מאַכט,
געזונט, קראַפט, צו „ניט לאָזען זיך טרעטען מיט די פּיס", צו נעהמען אַ
מאוימדיגע נקמה. פאַר איין אויג צוויי אויגען! אויב דיך שלאָגט דער
אויסוואָורף פון דער מענשהייט, פאַל אָן אויף איהרע העלדען און פּראָפעטען!
און ווייל זיי קאָנען דאָס ניט אויספיהרען אין דער ווירקליכקייט, פּרעגעלט

זיך זייער צולאָזענע פאַנטאַזיע אין אויסגעטראַכטע בילדער פון אכזריות־
דיגער נקמה.

ווידער ביי אַנדערע האָט געמוזט אַנוואַקסען אַ ביטערער געפיהל צו
די פון אונז, וואָס גיעבען נאָך עד היום אַוועק אַ היבשע ביסעל ענערגיע
זייערע פאַר דעם רוסישען בעפרייאונגס־קאַמפף, פאַר דער אַרבייט צוליעב
דער „מענשהייט“, בעת אונזער אייגען אידיש פעלד ליעגט פערוואָרפען און
פערלאָזען. אַ האַס וואַקסט אָן צו יענער צויבער־מאַכט, וואָס רייסט אַוועק
אונזערע יונגע כחות און וואָס שאַפּיראָ האָט פערקערפּערט אין מינאַ'ס
מאַגנעטיש צוציהענדער, ערנסט שעהנער געשטאַלט. אַ האַס צו יענער
גאַנצער וועלט פון אַלגעמיין־מענשליכע און „פריהער רוסישע“ אידעאַלען,
וועמעס שעהנסטע בלום זי איז.

דער גאַנצער פּאָגראָם־פערוואונדעטער אינטעליגענץ ווילט זיך כאַפּען
פאַר'ן גאָרגעל „מינאַ'ן“ און מיט געוואַלד זי אָבשטויסען פון זיך. אַ פער־
געוואַלטיגענס־שטימונג מיט טויזענדער קליינע פערגעוואַלטיגונגען טראָגט
זיך אַרום אָט אין דער אידיש־ראַדיקאַלער אַטמאָספערע, און זיי אַלע, די
טויזענדער קליינע פערגעוואַלטיגונגען האָבען זיך צונויפגעשטראָהלט אין
דעם קינסטלער'ס נשמה און אַרויסגעריסען זיך פון איהר מיט איין אויס־
געשריי: „„פערגעוואַלטיג זי, דערוואַרג זי, די צויבער שעהנע, מאַגנעטיש־
צוציהענדע פיינדליכע מאַכט ...“

דאָס איז אַ שטיק פון לעבען און ניט נאָר פון קונסט. ניט קינסטלערישע
פּראָבלעמען ווערען דאָ אַוועקגעשטעלט, לעבענס־אָבגרונטען אַנטפּלעקען זיך
דאָ פאַר אונז, אָבגרונטען — פאַר וועלכע מיר שטעהען.

„בעשמוץ זי! דערוואַרג זי“! — פערשטעהט זיך ניט בפועל ממש, ניט
אין דעם בוכשטעבליכען טייטש פון דעם וואָרט, נאָר אין דעם אייגענעם
האַרצען, ביי זיך אין דער נשמה.

לעש אויס אין דיין האַרצען יעדען געפיהל פון רחמנות און ליעבע צו
דער „מענשהייט“ און „פריהער רוסלאַנד“. פערגעס, אַז די אידעאַלען פון
מענשען־ליעבע, פון זיך אויפאָפּפערן פאַר דער מענשהייט, האָבען מיר,
א י ד ע ן, אויסגעאַרבייט און אַריינגעטראָגען אין דער מענשהייט דורך דאָס
קריסטענטהום. פערגעס, אַז די קרוין פון דער ציוויליזאַציאָן איז אָט דער
אידעאַל פון אַ ברידערליך־פערבונדענער מענשהייט און די מסירת־נפש
צוליעב אַזאַ אידעאַל, און אַז דער שעהנסטער בריליאַנט אין דער קרוין איז
— מינאַ. טרעט זיי ביידען מיט די פיס אין שטויב, די קרוין און דעם
בריליאַנט.

טרעט מיט די פיס אויך יענע ברידער דיינע, וואָס האָבען אפילו אין
רעכטען מיטען פּאָגראָם, אין די מחנות פון דער אידישער זעלבסט־פערטיי־
דיגונג, ניט געקאָנט אַרויסיעטען פון זייער נשמה דעם אידיש־קריסטליכען
געפיהל פון ברודער־ליעבע און רחמנות צו דער גאַנצער מענשהייט. זעה,
ווי ער ליעגט, ווי אַ וואָרעם אין שטויב, יענער בלאַסער יונגער איד אין ברי־
לען, וואָס האָט, אָניאָגענדיג אַ יונגען פּאָגראָמשציק, „געקוקט אויפ'ן וויל־



דען שרעק פון יונגען בלוט און פלייש“ און דערנאָך „צוגעשטעלט דעם רע־
וואָלווער צו זיין אייגענעם קאָפּ און האָט אויסגעשאָסען“. דערלאַנג איהם
אַ בריק דעם „פערבלוטיגטען פגר“, דעם אמת'ען תלמיד פון ישו דעם קריסט.

וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס אין זיין נשמה האָט זיך נאָר וואָס אָבגע־
שפּיעלט איינע פון די טיעפסטע און פערוויקעלסטע טראַגעדיעס, וועלכע
אַ מענשענס נשמה האָט ווען עס איז דורכגעלעבט. וואָס מאַכט דאָס אויס,
וואָס זיין זעלבסט־מאָרד איז, אין זיין שעהנקייט און גרויס, טויזענד מאָל
גרעסער און שעהנער, איידער אַלע העלדען־טהאַטען פון דעם „צלם־מאַן“.
לאַך זיך אויס הויך פון זיין אידיש־קריסטליכען בעוואוסטזיין און געפיהל,
אַז דער פּאָגראָמשציק, אפילו דער בלינדער פּאָגראָמשציק, איז זיין ברודער,
אַז ער, דער בלינדער ברודער, איז ניט שולדיג אין דעם פּאָגראָם. זיי מטמא
אַזאַ בעוואוסטזיין, פערגעוואַלטיג איהם, דערוואַרג איהם . . .

דאָס איז דער מוסר־השכל פון שאַפּיראָ'ס דערצעהלונג.

שפּיי אויף דער גאַנצער אידיש־קריסטליכער לעגענדע פון ברודער־ליעבע,
וואָס שטעקט אין דיין אידישען בלוט־און־פלייש, און לערען זיך פון דער
ג ו י' א י ש־קריסטליכער ווירקליכקייט, וואָס וויל פון איהר ניט וויסען,
— זאָגט שאַפּיראָ...

קוק ניט אויף דער גוי'איש־קריסטליכער ווירקליכקייט, וואָס וויל ניט
וויסען פון דער א י ד י ש ־ קריסטליכער לעגענדע, וועלכע ליעגט אין דיין
בלוט־און־פלייש. שעץ זי און האַלט זי הייליג אונטער די גיפטיגסטע פּיילען
פון דער גוי'איש קריסטליכער ווירקליכקייט, ווייל זי, די אידיש־קריסטליכע
לעגענדע, איז דער אָטהעם פון דיין לעבען, דער זין פון דיין זיין אויף דער
וועלט, — זאָגט שלום אש . . .

צוויי שטימען פון לעבען . . . צוויי היפּכים פון דעם מאָדערנעם אי־
דישען געפיהל . . . ווער וועט וועמען אַריבער־היילכען? אָדער מוז אפשר
קומען אַ דריטע שטים, וואָס וועט אַריבער־היילכען זיי ביידען?

וועגען דעם — אין אַ בעזונדער אַרטיקעל.

<u>דר. ה. זאַלאַטאַראָוו.</u>

## „פ ר י י ה י י ט“ פון דזשאָהן סטואַרט מילל

איבערזעצט פון דעם ענגלישען אָריגינאַל מיט אַ ביאָגראַפיע פון דעם
פּערפאַסער — פון דר. י. א. מעריסאָן.

מיט אַן הקדמה פון דר. ח. ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י. אַרויסגעגעבען פון
א. מ. עוואַלענקאַ, ניו יאָרק.

---

דר. י. א. מעריסאָן האָט געטהאָן אַ גוטע אַרבייט. עס איז שוין לאַנג
צייט געוועזען אַריינצוברענגען אין אונזער ליטעראַטור די בעסערע קוועלען